# אַ מעשׂה פֿון אַ קייסער

אין דער שטאָט אַמסטערדאַם איז אַ מאָל געווען אַ קייסער, וועלכער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן, צווישן זיי אויך דעם ייִדישן לשון-קודש. דער קיי-סער איז אַ מאָל געפֿאָרן זיך באָדן צום טײַך, איז אים אויסגעקומען דורכ-פֿאָרן דורך דער ייִדישער געטאָ (אַ גאַס וווּ ייִדן מעגן וווינען). אין אַ קליין שטיבעלע איז געזעסן אַ מלמד און געלערנט מיט די קינדער דעם פּסוק[1] "משפּיל גאים עדי ארץ ומגביה שפֿלים עדי מרום", דאָס הייסט: גאָט מאַכט נידעריק די גרויסע לײַט ביז דער ערד, און הייבט אויף די נידעריקע ביזן הימל. דער קייסער איז אַרויס פֿון דער קאַרעטע, און איז אַרײַן צום מלמד אין חדר, און האָט אים געפֿרעגט וואָס באַטײַטן זײַנע ווערטער. דער מלמד האָט אים געענטפֿערט: "דאָס הייסט, אַז גאָט מאַכט פֿון אַ קייסער אַ בעט-לער, און פֿון אַ בעטלער – אַ קייסער." דער קייסער איז שטאַרק אין צאָרן געוואָרן אויפֿן ייִדן, און האָט אים געזאָגט בזה-הלשון: "ווערסטו מיר דאָס דערווײַזן אויף מיר אַליין – וועל איך דיך באַלוינען, און אויב ניט – וועל איך דיר הייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ." דער מלמד האָט געענטפֿערט, אַז ער וועט דערווײַזן דעם קייסער, נאָר מיטן באַדינג, אַז ניט ווינציקער פֿון פֿינף טאָג זאָל דער קייסער ניט זײַן בײַ אים אין הויזע(!), און נאָך דעם זאָל דער קיי-סער טאָן מיט אים ווי אים וועט געפֿעלן... דער קייסער האָט אים פֿאַר-שפּראָכן, אַז צוריק פֿונעם טײַך וועט ער ניט פֿאָרן דורך אים, און האָט אים געשוווירן.

דער מלמד איז געווען איינער פֿון די ל"ו צדיקים[2], וואָס די וועלט קען זיך אָן זיי ניט באַגיין. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט תּפֿילה געטאָן. און דער קייסער האָט זיך דערווײַל פֿאָרגעזעצט זײַן וועג.

ער איז געקומען צום טײַך און האָט זיך אויסגעטאָן, דעם לאַקיי איבערגע-געבן די קליידער און איז אַרײַן אין וואַסער. איז געקומען אַ שד[3] און האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַרן קייסער, און איז אַרויס פֿון וואַסער און אַ געשריי געטאָן צום קנעכט, ער זאָל אים אונטערטראָגן די קליידער. דער קנעכט האָט אים געגעבן די קליידער, און ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק צו הויזע... און דער אמתער קייסער האָט זיך געבאָדן, און האָט פֿון גאָרניט ניט געוווּסט. אַז דער קייסער האָט זיך גוט אויסגעבאָדן, איז ער אַרויס פֿון טײַך

און אָנגעהויבן רופֿן דעם קנעכט; נאָר אין קול ואין קשבֿ, דאָס הייסט: ניט קיין קול און ניט קיין ענטפֿער. דער קייסער האָט אָנגעהויבן רופֿן שטאַר-קער, און איז אַרומגעלאָפֿן אַרום דעם אָרט ווו ער האָט זיך אויסגעטאָן, און האָט געזוכט די קאַרעטע – נאָר קיינעם ניט געפֿונען. אַ פּאָר שטונדן האָט ער אַלץ געזוכט און אַרומגעלאָפֿן אַ נאַקעטער, ביז ער איז שטאַרק דער-פֿרוירן געוואָרן און איז אַזוי, אָן קליידער, געגאַנגען אַהיים.

די פּויערים פֿון דער נאָענטער גאַס האָבן זייער זיך געוווּנדערט אויף דעם נאַקעטן מענטשן, וואָס שרייַט אַז ער איז דער קייסער. איינער האָט אים אַפֿילו געפּרוּווט שמייַסן מיט דער בייַטש אויפֿן נאַקעטן לייַב, נאָר אַן אַלטער פּויער האָט אויף אים אָנגעשריגן, און האָט אים געגעבן אַן אַלטע העמד מיט אַ סוויטע, צו פֿאַרדעקן דאָס לייַב. דער קייסער איז אַוועק צו זייַן רעזידענץ-אָרט, נאָר די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהיט דעם מויער ווו ער האָט געוווינט, האָבן אים אַוועקגעטריבן: "קיין בעטלער לאָזן מיר ניט צו צום קייסערס רעזידענץ."

און אַזוי איז דער קייסער געוואָרן אַ בעטלער. ער האָט געוואָלט שלאָפֿן, האָט ער געמוזט גיין נעכטיקן ווי אַלע בעטלערס. דעם צווייטן טאָג איז ער אַרויס פֿונעם שטאָט, און מיט נאָך איניקע אָרעמע איז ער אַוועק בעטלען. די פּויערים האָבן רחמנות געהאַט אויף דעם בעטלער מיט דעם איידעלן פּנים. נאָר קיינער האָט אים ניט געגלייבט, אַז ער איז דער קייסער; בפֿרט אַז אין שטאָט האָבן אַלע געוווּסט, אַז דער קייסער איז אויף זייַן אָרט. צו ביסלעך האָט זיך דער קייסער צוגעוווינט צום נייַעם לעבן און מיט אַ חבֿרה בעטלער(ס) איז ער אַרומגעגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט.

ביז איין טאָג איז ער ווייַטער(!) אָנגעקומען אין דער רעזידענץ-שטאָט, און צופֿעליק דורכגעגאַנגען דורך דעם געסל וואָס גייט צום טייַך. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אַז דער מלמד לערנט מיט די קינדער דעם זעלבן פּסוק "משפּיל גאים עדי ארץ ומגביה שפלים עדי מרום", און טייַטשט זיי: "דאָס הייסט, גאָט מאַכט פֿון אַ קייסער אַ בעטלער, און פֿון אַ בעטלער – אַ קייסער." דער קייסער איז באַלד אַרייַן צום מלמד אין חדר, און געפֿאַלן דעם מלמד צו די פֿיס, און אים געבעטן ער זאָל אים מוחל זייַן וואָס ער האָט פֿון אים געשפּעט, און האָט אים געבעטן אים העלפֿן צו ווערן צוריק אַ קייסער. דער מלמד האָט אים פֿאַרשפּראָכן קומען צו הילף. דאָס ערשטע האָט ער אים אָפּגעגאָלן די פֿאַרוואָקסענע האָר. ער האָט אים אַרומגעוואַשן און באַ-

שטעלט בײַ אַ שנײַדער נײַע קליידער, ווי סע פּאַסט פֿאַר אַ קייסער. דערנאָך-דעם האָט ער אים געהייסן גיין צום קלויסטער אין דער צײַט ווען דער קייסער איז געווינט גיין צו דער גאָטסגעבעט, און אַז ער וועט זען סע וועט צופֿאָרן דעם קייסערס קאַרעטע, און דער פֿאַרשטעלטער קייסער וועט אַרײַן אין קלויסטער – זאָל ער אַ רוף טאָן דעם קוטשער בײַ זײַן נאָמען; וועט דער קוטשער צוגיין, און ער וועט אים אַרײַננעמען אין קאַרעטע ווי געוויינלעך.

דער קייסער האָט אַלץ געטאָן ווי דער מלמד האָט אים געצהט, און זונטיק איז ער אַוועק צום קלויסטער, און האָט אויסגעוואַרט ביז דער פֿאַלשער קייסער איז געקומען צו פֿאָרן, און נאָך דער ערשטער תּפֿילה האָט ער אַ רוף געטאָן דעם קוטשער בײַם נאָמען. דער קוטשער איז באַלד צוגעלאָפֿן צום קייסער און אים אַרײַנגעזעצט אין קאַרעטע, ווי זײַן שטייגער, און דער קייסער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן הויזע, און קיינער האָט געוווּסט פֿון גאָר-ניט.

נאָך דעם האָט דער קייסער געהייסן ברענגען צו זיך אין רעזידענץ דעם מלמד, און אים שטאַרק באַדאַנקט פֿאַר דער הילף, און אים באַפֿרידיקט ווי אַ קייסער קען, און איז געוואָרן אַן אוהבֿ-ישׂראל[4] אַלע יאָרן.

[1] regel uit het Sjema van het ochtendgebed
[2] een van de 36 rechtvaardigen
[3]demon
[4] een vriend van het volk van Israël

■

# דער חתן אַ שלאַנג

אין אַ שטעטל האָט געוווינט אַ גבֿיר מיטן נאָמען שלמה. זײַן פֿרוי האָט געהאַט קיין קינדער. האָט שלמה געבעטן צו גאָט, אָבער עס האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן. איז זײַן פֿרוי געגאַנגען צום רבין און אים געבעטן אַן עצה. דער רבי האָט איר געהייסן מאַכן אַ גרויסן באַל, און ווער עס זאָל נאָר נישט קומען – זאָל זי גוט אויפֿנעמען. זי האָט געפֿאָלגט דעם רבין, געמאַכט אַ גרויסן באַל און פֿאַרבעטן אַלע אָרעמע-לײַט. ווען אַלע טישן זענען שוין געווען פֿאַרפֿולט און אַלע האָבן שוין געגעסן, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד. זײַנע קליידער זענען געווען צעריסן, און זײַן גראָבער שטאָק האָט געוויזן אַז ער וואַנדערט אַ סך. ווען די גבֿירטע האָט אים דערזען, האָט זי זיך אָנגעבייזערט פֿאַר וואָס ער איז אַזוי שפּעט געקומען, און זי האָט געזאָגט אַז איצט קען ער שוין גאָרנישט קריגן. אויף דעם האָט דער אַלטער געענטפֿערט: "נישט קיין קינד זאָלסטו האָבן – נאָר אַ שלאַנג", און ער איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין אַ צײַט אַרום האָט זי טאַקע געהאַט אַ שלאַנג. דער שלאַנג איז אַוועק אין וואַלד און האָט זיך לאַנג נישט געוויזן. די מוטער איז געווען זייער טרויעריק, און גאַנצע טעג האָט זי געוויינט.

ווען עס זענען אַדורך דרײַצן יאָר, האָט זיך איין מאָל דער שלאַנג באַוויזן בײַ נאַכט, און מיט אַ מענטשלעכן לשון געהייסן איר אָנגרייטן תּפֿילין. זי איז געוואָרן זייער דערשראָקן, אָבער זי האָט אָנגעגרייט תּפֿילין און אַנידער-געלייגט אויפֿן פֿענצטער. צו מאָרגנס איז דער שלאַנג געקומען, גענומען די תּפֿילין און אַוועק.

עס זענען אַוועק ווידער פֿינף יאָר, און דער שלאַנג האָט זיך ווידער איין מאָל באַוויזן. ער האָט איר געהייסן אָנגרייטן אַ טלית און אים צוגרייטן אַ כּלה – ער וועט צו מאָרגנס קומען און וועט זיך אַרײַנלייגן אין אַן אײַנגעהייצטן אויוון; אונטערן פֿענצטער וועלן ברומען חיות און וועלן זיך וועלן אַרײַנ-רײַסן, אָבער זי זאָל נישט מורא האָבן. די מוטער האָט זיך זייער געדאגהט וועגן אַ כּלה, וואָרעם קיינער וועט דאָך ניט נעמען אַ שלאַנג פֿאַר אַ מאַן. אָבער זי האָט געפֿונען אַן אָרעם מיידל, אַ יתומה[1], און זי אַרײַנגענומען צו

זיך. זי האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, און אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן. דער שלאַנג איז געקומען, איז אַרײַנגעקראָכן דורכן פֿענצטער, פֿאַרמאַכט די לאָדן און זיך אַרײַנגעלייגט אין אויוון. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט פֿון אונטערן פֿענצטער אַ ברומען פֿון לייבן, בערן, וועלף, טיגערס און אַלע אַנדערע חיות. אין אויוון האָט ס'פֿײַער געקנאַקט. די מוטער איז נישט געשלאָפֿן; זי איז געזעסן אין אַ ווינקל און מורא געהאַט זיך צו רירן. אַ פֿאַרחלשטע איז זי אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד.

ווען זי האָט זיך אויפֿגעוועקט, איז שוין געווען העלער טאָג, די לאָדן אויפֿגעמאַכט – אַלץ ווי געווען. בײַם טיש איז געזעסן אַ שיינער יונגער-מאַן אין אַ טלית אײַנגעוויקלט, און האָט געדאַוונט. דאָס איז געווען איר זון. זי האָט זיך זייער געפֿרייט און האָט אים חתונה געמאַכט. אַז מע האָט אים עפּעס געפֿרעגט, האָט ער גאָרנישט געוווּסט. נאָר דער רבי האָט ר' שלמהן דערציילט בסוד, אַז דער אָפּגעשטויסענער אָרעמאַן בעתן באַל, דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא[2], און אין וואַלד האָט אליהו הנבֿיא דעם שלאַנג געלערנט.

[1] wees
[2] de profeet Eliahoe

■

# דער כּישוף-מאַכער און זײַן תּלמיד

ס'איז אַ מאָל געווען אַ גוטער-ייִד, האָט ער נישט געהאַט קיין קינדער. האָט איין מאָל דאָס ווײַב אָנגעהויבן זייער צו וויינען פֿאַר אים: "פֿאַר וואָס זאָלן מיר נישט האָבן קיין קינד? ס'זאָל כאָטש זײַן ווער ס'זאָל זאָגן קדיש נאָך אונדז." רופֿט זיך אָן דער גוטער-ייִד: "ס'איז אויסגערופֿן געוואָרן אין הימל אַז מיר טאָרן קיין קינדער נישט האָבן." נו, איז עס דאָך אָבער אַ ייִדענע, האָט זי ווידער אָנגעהויבן וויינען און בעטן, וויינען און בעטן, און האָט נישט אָפּגעלאָזט. האָט דער גוטער-ייִד געזען אַז ער קען זיך נישט אָפּטשעפּען, זאָגט ער: "גוט, מיר וועלן האָבן אַ קינד, ס'וועט אָבער נישט זײַן קיין לײַט." און ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק צײַט, איז זי פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און האָט געהאַט אַ ייִנגל.

אַז דאָס ייִנגל איז עלטער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר, פֿלעגט ער אַהיימגייענדיק פֿון חדר וואַרפֿן שטיינער אין די פֿענצטער אַרײַן, און שלאָגן די אַנדערע ייִנגלעך פֿונעם חדר. פֿלעגן די ייִנגלעך אַהיימקומען צום רבין און זיך באַקלאָגן פֿאַר אים, אַז זײַן ייִנגל איז נישט קיין לײַט. האָט ער געזען אַז ס'איז אַ שלעכטער עסק, האָט ער אים אָפּגענומען פֿונעם חדר, און האָט אים אָנגעהויבן לערנען אין דער היים. פֿלעגט דאָס ייִנגל נישט וועלן לערנען, פֿלעגט שרײַען און שילטן און שלאָגן זיך, און איבערקערן די שטוב. ער האָט אַלץ געשריגן: "איך וויל נישט לערנען, איך וויל זײַן אַ קוטשער." און אַז דער פֿאָטער האָט אים געזאָגט: "ס'איז נישט שיין, מײַן קינד, אַ רבינס זון זאָל זײַן אַ קוטשער", האָט ער זיך נאָך מער צעשריגן: "אַז דו ווילסט נישט, גיי איך מיר אַוועק פֿון הויז!" האָט דער פֿאָטער געזען, אַז ער קען פֿון אים שוין מער נישט איבערטראָגן, האָט ער אָפּגעזאָגט דעם אַלטן קוטשער, און האָט אַרויפֿגעזעצט זײַן ייִנגל אויף דער בריטשקע. איז דאָס ייִנגל געגאַנגען און האָט זיך אָנגעטאָן אַ רויטן גאַרטל, גענומען די בײַטש אין דער האַנט אַרײַן, און איז מיטן רבין אַוועקגעפֿאָרן אין אַ קליין שטעטעלע.

אַרײַנגעקומען אין דעם שטעטעלע, האָט מען זיך זייער דערפֿרייט מיטן רבין;

מע האָט אים אַרײַנגענומען אין הויז אַרײַן און מע האָט אים געוואָלט געבן עסן. זאָגט דער רבי: "גיט מיר נישט קיין עסן, גיט פֿריִער מײַן זון." הייבט מען אָן פֿרעגן: "ווער איז אײַער זון? ווּ איז ער?" ווײַזט ער זיי אויף זײַן ייִנגל וואָס זיצט אויף דער בריטשקע, און דערציילט זיי פֿון געברענטע צרות וואָס ער האָט פֿון אים. זאָגן די בעלי-הבתּים צו אים: "אָט דאָ אָ אין וואַלד איז דאָ אַן אַלטיטשקער, וואָס ער נעמט צו קינדער אויף אַ יאָר און מאַכט פֿון זיי אַ לײַט."

איז ער געגאַנגען און האָט אַוועקגעפֿירט דאָס ייִנגל אין וואַלד אַרײַן. איז אַרויסגעקומען דער אַלטיטשקער און רופֿט זיך אָן צום רבין: "איך נעם צו דײַן קינד אויף אַ יאָר, נאָר איין זאַך קען איך דיר זאָגן: דערפֿאַר וואָס ער וועט ווערן אַ לײַט – וועט דײַן ווײַב שטאַרבן, און דו וועסט ווערן אַן אָרעמאַן." האָט דער רבי זיך געטראַכט: זאָל זײַן אַזוי, אַבי ער זאָל ווערן אַ לײַט. האָט דער אַלטיטשקער אַראָפּגענומען דאָס ייִנגל פֿון דער בריטשקע, און האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין דער הייל[2] אַרײַן; און דער רבי איז זיך אַהיימגעפֿאָרן. געקומען אַהיים, האָט ער דערציילט דעם ווײַב די גאַנצע געשיכטע.

קורץ, ס'איז אַוועק דאָס יאָר, דאָס ווײַב איז געשטאָרבן, און ער איז געפֿאָרן אָפּנעמען דאָס ייִנגל. איז ער צוגעקומען צום וואַלד, איז אַרויסגעקומען דער אַלטיטשקער און האָט געזאָגט: "הער זשע אויס: אויב דו ווילסט האָבן דײַן זון, וועל איך אַרויסלאָזן דרײַ פֿייגעלעך, און אַז דו וועסט טרעפֿן[3] וועלכס ס'איז דײַן זון – גיב איך דיר אים אָפּ צוריק." האָט ער געזאָגט: "גוט." איז ער אַרײַנגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש. און זיצנדיק בײַם טיש איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן. קומט אים צו חלום דער זון און רופֿט זיך אָן: "הער זשע אויס, פֿאָטער: אויב דו ווילסט מיך האָבן צוריק פֿאַר אַ זון, זאָלסטו אָנווײַזן אויפֿן פֿייגעלע מיטן רויטן בײַכל – דאָס בין איך, וועסטו מיך צוריק האָבן פֿאַר אַ זון; און טאָמער פֿאַרגעסטו דעם סימן – בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער."

דערווײַל איז דער אַלטיטשקער אַרײַנגעקומען, און האָט אים אויפֿגעוועקט, און געזאָגט צו אים: "נו, דערקען דײַן זון!" און ער האָט אַרויסגעלאָזט די דרײַ פֿייגעלעך. רופֿט זיך אָן דער רבי: "אָט דאָס מיטן רויטן בײַכל איז מײַן זון!" זאָגט דער אַלטער: "גוט, כ'וועל דיר באַלד אַרײַנפֿירן דײַן זון." האָט ער

אַרײַנגעבראַכט דאָס ייִנגל און געזאָגט צו אים: "פֿאָר דיר אַהיים מיט דײַן טאַטן; נאָר איין זאַך בעט איך דיר: אַז די אַלע כּישופֿן וואָס דו האָסט געזען בײַ מיר, זאָלסטו נישט נאָכמאַכן און קײנעם נישט ווײַזן; און טאָמער וועסטו זײ יאָ ווײַזן און איך וועל זיך דערוויסן דערפֿון – ביסטו אַ טויטער." האָבן זײ זיך אָפּגעזעגנט און זענען אַהײמגעפֿאָרן.

זײ זענען געקומען אַהײם. איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק צײַט, דער רבי איז פֿאַראָרעמט געוואָרן, די שטוב האָט מען בײַ זײ צוגענומען, פֿון וואַנען צו לעבן האָבן זײ נישט געהאַט. רופֿט זיך אָן דער זון צום פֿאָטער: "ווייסטו וואָס, טאַטע? איך וועל זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ פֿערד, און דו זאָלסט מיך אַרויספֿירן אויפֿן יריד צום פֿאַרקויפֿן; און אַז דו וועסט מיך פֿאַרקויפֿן, זאָל-סטו דאָס צײַמל וואָס איך וועל טראָגן, צוריק אַראָפּנעמען פֿון מיר; און טאָמער פֿאַרגעסטו און וועסט מיך אַוועקגעבן מיטן צײַמל – וועל איך שוין קײן מאָל צוריק נישט אַהײמקומען. איז אַזוי געווען: ער האָט זיך פֿאַר-שטעלט פֿאַר אַ שוואַרץ פֿערד, און דער פֿאָטער האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן יריד. איז צוגעקומען אַ פּריץ און האָט אים אויסגעדונגען פֿאַר פֿינף און צוואַנציק רובל. האָט דער פֿאָטער אַראָפּגענומען דאָס צײַמל, אַוועק-געגעבן דאָס פֿערד, און איז אַהײמגעגאַנגען.

האָט דער פּריץ גענומען דאָס פֿערד און אַהײמגעפֿירט, האָט עס אַרײַנ-געפֿירט אין שטאַל אַרײַן און עס פֿאַרשלאָסן. אויפֿן צווייטן טאָג קומט ער אַרויסנעמען דאָס פֿערד – נישטאָ קײן פֿערד! האָט ער אָנגעהויבן אַרומ-צוזוכן דאָ, דאָרטן – פֿאַרפֿאַלן! ער האָט נישט געקענט געפֿינען: פֿונעם פֿערד איז צוריק געוואָרן אַ מענטש; און דער זון איז צוריק אַהײמגעקומען צום פֿאָטער.

ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, זענען זײ נאָך מער פֿאַראָרעמט גע-וואָרן. רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער: ווייסטו וואָס, מײַן קינד? פֿאַרשטעל זיך נאָך אַ מאָל פֿאַר אַ פֿערד, און איך וועל דיך פֿירן פֿאַרקויפֿן. זאָגט דער זון: "איצטער האָב איך מורא צו גײן, כ'האָב מורא אַז יענער אַלטיטשקער, דער כּישוף-מאַכער, זאָל נישט זײַן[4] דאָרטן." רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער: "זאָל ער זײַן און לאָז ער דיך קויפֿן – איך ווייס שוין וואָס איך האָב צו טאָן." איז ער געגאַנגען און האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ווײַס פֿערד, און דער פֿאָטער האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן יריד. איז אים אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער

פּריץ, און האָט באַלד געקויפֿט בײַ אים דאָס פֿערד; און האָט אים אַזוי פֿאַררעדט, אַז ער האָט אויסגעכאַפּט דאָס פֿערד מיטן ציַימל, האָט זיך אַרויפֿגעזעצט, און איז מיטן בליק אַוועקגעריטן אין וואַלד אַרײַן.

געקומען אין וואַלד אַרײַן, איז דער אַלטער אַראָפּגעקראָכן פֿונעם פֿערד, און האָט אים צוגעבונדן צו אַ בוים, און רופֿט זיך אָן צו אים: דו גדענקסט וואָס כ'האָב דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט נאָכמאַכן מײַנע כּישופֿן? און ער האָט גענומען אַ דריגל (= אַ דרענגל) אין די הענט אַרײַן, און האָט אים אָנגעהויבן שלאָגן. האָט ער אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז וואַנען דאָס צײַמל איז אים אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם קאָפּ. האָט דער פֿערד דערפֿילט ווי ער איז אָפּגעבונדן, האָט ער זיך אויף גיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ וואָלף, און האָט גענו-מען לויפֿן. האָט זיך דער אַלטער אויך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ וואָלף – נאָר פֿאַר אַ "זי" – און האָט אָנגעהויבן שרײַען. איז זיך אָנגעלאָפֿן אַ סך וועלף, און די וועלף האָבן אים געוואָלט כאַפּן. איז ער צוגעלאָפֿן צו אַ טײַך וואָס איז גע-ווען נישט ווײַט, און האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ פֿיש, און איז אַרײַן אין טײַך אַרײַן. אַז דער אַלטער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אויך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ פֿיש, און איז אים נאָכגעשפּרונגען אין טײַך אַרײַן, און האָט זיך געלאָזט שווימען נאָך אים. ער שווימט – און דער אַלטער שווימט אים נאָך און קערט איבער דאָס וואַסער.

האָט ער געזען אַז ס'איז שלעכט, איז ער צוגעשוווּמען צום ברעג. האָט ער דערזען ווי בײַם ברעג טײַך באָדט זיך אַ קייסערס אַ טאָכטער. האָט ער זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גאָלדן פֿינגערל, און איז צוגעשוווּמען צו איר. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דערזען אַזאַ שיין גאָלדן פֿינגערל, האָט זי דאָס אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעטאָן אויפֿן פֿינגער, און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. ווי דער אַלטער האָט דאָס באַמערקט, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם וואַסער און צוריק געוואָרן אַ מענטש. געוואָרן אַ מענטש, איז ער אַוועק צום קיי-סער, און האָט אים געבעטן ער זאָל נישט זײַן ברוגז: ער האָט זיך געבאָדן אין טײַך, האָט ער פֿאַרלוירן דאָס פֿינגערל, האָט ער געזען פֿון דער ווײַטנס ווי זײַן טאָכטער האָט אויפֿגעהויבן דאָס פֿינגערל, און האָט דאָס אָנגעטאָן אויפֿן פֿינגער. זאָגט דער קייסער: "זי וועט עס דיר אָפּגעבן." האָט ער זיך אַ-וועקגעזעצט, און האָט אויסגעוואַרט ביז וואַנען זי וועט קומען.

אַז זי איז אַרײַנגעקומען, רופֿט זיך אָן דער קייסער צו איר: "האָסט זיך

Sara Tsaftman (red.), J*idisje woender-maises foen Mizrech-Ejrope*. Tweetalige uitgave (Jiddisj en Hebreeuws). Vertaling in het Hebreeuws: Josl Birstein en Ido Basok. Hakiboets Hameoechad/Gurt Foundation, Tel Aviv 1998

■

געבאָדן בײַם טײַך האָסטו געפֿונען אַ פֿינגערל, גיב עס אָפּ דעם אַלטן." האָט זי גענומען אויסטאָן דאָס פֿינגערל, איז דאָס פֿינגערל אַראָפּגעפֿאַלן אויף דר'ערד, און האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ שלאַנג, און האָט געלאָזט אַ גיפֿט אין דעם אַלטן. איז דער אַלטער באַלד געשטאָרבן. און ער האָט זיך צוריק פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר אַ מענטשן, און ער האָט דערציילט דעם קייסער די גאַנצע געשיכטע.

אַ שיינער בחור איז ער געווען, האָט זיך די קייסערס טאָכטער פֿאַרליבט אין אים. האָט דער קייסער זיי חתונה געמאַכט, און האָט איבערגעשריבן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אויף זײַן נאָמען. האָט ער באַלד אַריבערגענומען זײַן אָרעמען פֿאָטער צו זיך, און זיי לעבן זיך עד-היום זייער גוט.

[1] tovenaar

[2] grot

[3] raden

[4] bedoeld is: ben bang dat die oude er zal zijn…

■